STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06670

LIDER

Rosa Gutman

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ראָזאַ גוטמאַן

לידער

ניו־יאָרק, 1947

ROSA GUTMAN

POEMS

LIDER

PRINTED BY MARSTIN PRESS, INC., NEW YORK 17, N. Y.

438

I

פאר גאָר דעם נאָענטסטן

פינפטע זייט

סתם אַזוי

זאָג מיר עפּעס,
סתם אַזוי.

זעסט: איך ליג זיך
און איך וויג זיך,
סתם אַזוי.

כ׳קוק: ווי זיינען דיינע אויגן,
בלוי, צי גרוי?

איך וועל שווייגן, זאָג מיר עפּעס,
סתם אַזוי.

שטילער די וויעס

איך האָב דיך ליב און מיין האַנט האָט דיך ליב,
און מיין איטלעכער פינגער האָט דיך ליב.
טאָ שטילער די וויעס, די שעה זאָל ניט שלאָגן,
זיי קאָנען אַ בליק אַזוי לייכט צעשלאָגן,
און איך האָב נאָך גאָרניט באַוויזן זאָגן,
אַז איך האָב דיך ליב און מיין האַנט האָט דיך ליב,
און מיין איטלעכער פינגער האָט דיך אַזוי ליב.

בלייב...

אין דער בלויקייט בליִען בלומען בלאַסע.
ליבסטער, בלייב.
ס'איז ניט נעפּל, ס'זיינען נעצן נאַסע,
וואָס עס וועבט דעם ווינט זיין וואַסער־ווייב.

ליבסטער, בלייב.
אין דער בלויקייט בליִען בלומען בלאַסע.
קלייב...

איך צעפלעכט פאַר דיר...

איך צעפלעכט פאַר דיר מיינע בלאָנדסטע האָר,
איך קוק צו דיר מיט מיינע בלויסטע אויגן,
און גאָר — —

און ווען איך זאָל שטאַרבן? —
אַזוי פיל אַנדערע...
אַפילו פאַר דיר, אַפילו אַט איצט,
איך קאָן ניט האָבן אַלעמענס פאַרבן.

פירן מיך ווייסע שטיינדעלעך אַרום אין טוי,
און עס געשעט, עס געשעט
מיט מיין גאָלד, מיט מיין בלוי.

טונק זיי איין אין מיינע האָר...

טונק זיי איין אין מיינע האָר —
דיינע פינגער.
מיינע האָר — לייכט־באַגילדטע לאָקן־צינגער,
לעקן, לאַשטשען פלינקע פינגער.

מיינע האָר — שלאַנגען־שלינגער,
ווילן, שלינגען איינעט גאָר
שלאַנקע פינגער.

פילסט, ווי לייכט דאָס פלאַטער־פלאָר? —
גרינג און גרינגער.

טונק זיי איין אין מיינע האָר —
דיינע פינגער.

וואָס ווייסטו ?

וואָס ווייסטו ? — ס׳איז אפשר געווען נאָר אַ קליינינקע
רגע צו פרי,
און וואָלסטו מיך איצטער געפרעגט,
אַט איצט, בעת אַ גילדענער האָר האָט אַ פינקל געטאָן
אויף דיין קני —
איך וואָלט אפשר אַנדערש געענטפערט ווען דו וואָלסט
מיך איצטער געפרעגט.

ס׳איז גאָרניט, ס׳איז גאָרניט, —
קאָן זיין, איך וועל מאָרגן שוין קומען צו דיר
אינדערפרי...

נאָר ערגעץ־וואו, נאָענט, קאָן פּלוצים אַ קלאַפּ טאָן אַ טיר,
און ווידער קאָן זיין נאָר אַ קליינינקע רגע צו פרי.

***

אַז עמיץ גייט אַוועק,
בלייבט עמיצער אַ נישטיקער אַליין,
ווי אין אַ מויערוואַנט אַ פלעק
פון פעלנדיקן שטיין.

אַז עמיץ גייט אַוועק,
ציט עמיצער צונויף די טעג
און בויט אין זיי אַ שמאָלן, שמאָלן שטעג
פאַר זיך אַליין.

צוועלפטע זייט

קליינע טריט...

איך ליב אַ דערוואַקסענעם און איך בין אַ קליינע
און לעבן זיינע גרויסע שטעל איך קליינע טריט.
טרויעריק, גאָר טרויעריק — אָט־אָט וועל איך וויינען,
און רואיק, אַזוי רואיק, — אַז עס וויינט זיך ניט.

איך ליב אַ דערוואַקסענעם און איך בין אַ קליינע
און גיי אַריין אינגאַנצן אין צוויי גרויסע הענט.
דאָ ביזטו און דאָ ביזטו... מיר ביידע איינאיינעם,
אַנדערע ווי תמיד און באַקענט, באַקענט.

פאָלקסמאָטיוון

***

דאָס קליינע פויגעלע
עס פליט פון בוים צו בוים,
עס פליט פון בוים צו בוים
און זוכט און רופט.

אדורך מיין פענצטערל
קוק איך איר לאַנגזאַם נאָך,
קוק איך איר לאַנגזאַם נאָך
הויך אין דער לופט.

דער בייזער שטורעם־ווינט
האָט איר פון אים פאַריאָגט,
האָט איר פון אים פאַריאָגט,
זי איז אַליין.

קום, קליינע פויגעלע,
זינג מיר דיין לידעלע,
זינג מיר דיין לידעלע,
כ׳וועל עס פאַרשטיין.

***

איך שטיי ביים שפיגל
און מאַך זיך פיין —
איך מיין, מיין ליבסטער
קומט שוין אריין.

איך שטיי ביים שפיגל
אַ גאַנצע שעה,
און ער, מיין ליבסטער,
איז אַלץ ניטאָ.

איך פלעכט אַ קרענצל
און מאַך זיך שיין.
איך מיין, מיין ליבסטער
קומט באַלד צוגיין.

איך פלעכט אַ קרענצל
און וואַרף אַוועק —
עס איז מיין ליבסטער
אין וויטן וועג.

איך גיי צום טייכל
און פרעג די פיש —
צי איז מיין ליבסטער
געזונט און פריש?

איך רייד מיט וואָלקנס
און פרעג ביי זיי —
צי פילט מיין ליבסטער
מיין גרויסע וויי?

פערצנטע זייט

אויף ברודערשאַפט...

לאָמיר אויסטרינקען אויף ברודערשאַפט אַ כּוס.

דושנע נאַכט ווי ניט געווען. ———
מוטנער טאָג ווי ניט געווען. ———

לאָמיר אויסטרינקען אויף ברודערשאַפט אַ כּוס,
ס׳זאָל ניט זיין אינגאַנצן גאָרניט, פּשוט אוים, —

ווי צוויי יאַשטשערקעס, וואָס האָבן אויף אַ וועג
זיך צונויפגעדרייט, צעשפּרונגען, און — אַוועק,

איך זאָל מעגן דיר אַ שטרייכל טאָן די האָר,
אויב מיר וועלן זיך נאָך טרעפן אויפן וואָר.

דעם אנדענק
פון מיינע עלטערן,
מיט ליבע
און טרויער געווידמעט.

II

די הויקערדיקע ווערבע

די הויקערדיקע ווערבע מוז פון וועמען
זיין פאַרשאָלטן
אַליין צו פלעקן מיט איר קאַלטן
דעם קלאָרן גאַנג פון ניעמאַן.

און ווייטער היטן זיך
די צערטלעך־פּאַרזיכטיקע, פלאַכע ברעגן
צו טונקעלן די גרין אין זילבער אויסגעפלעטע וועגן
פון שטרייכלענדיקע פליטן.

עס לייגט זיך ברייט די לויטערקייט פון טאָג
און לעהנט זיך ווייך אַן דורכזיכטיקן שפּיגל,
און וואַסער־שיקסעלעך מיט ליטוויש־גרויע אויגן
שווימען אויסגעצויגן —
אים ניט צו וויגן.

אַן אומגערעטעניש

אַן אומגערעטעניש, אַן אומגערעטעניש,
ווי אַ בייז אויג וואָלט זיך פֿאַרגאַפּט אויף אונדזער
פעלד מיט זאַנגען,
ווי שטאָט דעם הימל־טוי וואָלט סם אין בלעזעלעך די
בלאָנדע קעפּעלעך פֿאַרטאָג באַהאַנגען.

אַן אומגערעטעניש, אַן אומגערעטעניש,
ווי ס׳וואָלט די סאָכע ניט אויף שוואַרצע אָדערן, נאָר
איבער וואַסערן פֿון ים געגאַנגען,
ווי ווען אַ שוואַכע האַנט און ניט קיין מענטשלעכע
וואָלט זי געפירט פֿאַר אירע אייזן־שטאַנגען.

אַן אומגערעטעניש, אַן אומגערעטעניש.
ווער טרעפט די רעטעניש:
פֿאַרוואָס עס דאַרבט ביי אונדז דאָס פעלד מיט זאַנגען?

לויטער רו

ס'האָט דער ווינט
בייזע הינט,
רייצט ער אָן זיי אויף מיין טיר —
קריכן זיי מיט אַלע פיר,
רייסן, בייסן איר.

העצט ער אָן זיי אויף מיין פענצטער —
וואַרפן זיי אין אים אַ שמאַטע.
קוקט מיין פענצטער טאַמעוואַטע,
גענעצט ער.

הוליעט ווינט מיט זיינע הינט,
מיינט, אַז וואָס ער וויל נאָר, מעג ער.
כ'ליג און לאַך אויף מיין געלעגער —
בילט אין דרויסן.
זייט איר אויסן
מיך צו שרעקן מיטן „הו״?
כ'שפרינג אַראָפּ.
עפן ס'פענצטער. ווינקט מיין קאָפּ:
„נו!״

כ'ליג און לאַך אויף מיין געלעגער.
ס'איז אין מיר אַזוי פיל רו.
לויטער רו.

צוואַנציקסטע זייט

ווייסע הייזער

די ווייסע הייזער בויגן זיך צום ים
— צעהיצטע שאָפן.
נאָר ס'ברענט אַליין און רירט זיך ניט דער ים,
ווי אונטער אים וואָלט נאָך אַ זון געשלאָפן.

ס'צעגיסן זיך די שויבן אויפן ברעג.
איין רגע —
און ווענט און דעכער וועלן גאָר צערינען.
און ס'גאַנצע דערפעלע וועט זיין איין „דרינען"
און נאָר אַהינטער יענעם באַרג דעם גרויסן
וועט בלייבן דרויסן.

אײן און צװאַנציקסטע זײט

איך גײ אַנטקעגן

איך גײ אַנטקעגן דײַנע קומענדיקע טריט,
װי ס'ציט אַ פֿעלד זיך צו אַ װאַנדערער אַנטקעגן....
עס האַלט מײַן שטח מיך, איך ריר זיך ניט,
נאָר פּ אַ ר דיר קירצן זיך כּסדר מײַנע װעגן.

און װי אַ פֿעלד, אַ פֿריש צעאַקערטס נאָכן שניט,
װער איך זיך ניט קעגן אָן אומרײַנעם װי רײנעם קערן,
שטױס איך ניט אָפּ קײן פֿוס, װאָס טרעט, קײן האַנט,
װאָס שיט,
און טראָג זײ אױס, די, װאָס איך מוז געבערן.

נאָר אױב עס קומט אַ טאָג, פֿון הארדעס װילדע פֿערד
צעטראַמפּלט, אַנמעכטיק און פּרוכטלאָז ליגט מײַן ערד —
קום מיט דײַן הײליקײט, פֿאַרזאַם זיך ניט...
איך גײ אַנטקעגן דײַנע קומענדיקע טריט.

עלטער־באָבע מײַנע

עלטער־באַבע מײַנע, צוויי יאָר אַלט,
אין פאַרגילבטער לופט פון יענע יאָרן,
אויפן בלייכן בילדל, וואָס איך האַלט —
אור־אייניקל אירע, שפּעט נאָך איר געבאָרן.

עלטער־באַבע קליינע, אויף די קני
נעמען דיך און טוליען דיך, און היטן
פאַר דער לאַסט פון דורות, וואָס, דו אַהנסט עס ניט,
וועלן דיך מיט זייער אַש פאַרשיטן.

עלטער־באַבע מײַנע, לאַנג אַוועק,
טרייסטן דיך און דיר דיין זיין פאַרגעבן,
ס'לעבן פון מיין באבען און מיין מאַמעס לעבן,
און אפילו ס'אייגן בינטל טעג, —

— אור־אייניקל דיינע, כאָטש נאָך דיר געבאָרן,
עלטער און אויך מידער אויף דריי דורות יאָרן.

היימישע ערד

פונ׳ם וואַסער געלאָזט זי טראָגן,
צווישן שטאַמיקע פליטן,
צו ערגעץ ברעגן...

דורך די שפּאַלטן פון דראַבענע־וואָגן
זי פאַרשאָטן אויף וועגן —
מיין היימישע ערד פון ליטע.

דאָרטן ליגט נאָך אַ פעלד, צעשניטן
אין ערלעכע שורות.
ס׳שטייט אַ פויגל־שרעקער אינמיטן,
אין אַ פויערשן היטל.
ער היט זי
מיט זיין גאַנצער גבורה
— מיין היימישע ערד פון ליטע.

פיר און צוואנציקסטע זייט

האָגל

האָגל, האָגל... עמערוויז, מיט אימפּעט, מיט ראַש...
מילכיק-ווייסע קרעלן, צעשאָטענע אין כעס.

שוועסטער אויבן, בייזערסט זיך, לאָזסט זיך גאָרניט ריידן,
און דיין צאַפּ, דער גילדערנער, שמייסט דעם הימלס רוקן.
שוועסטער אויבן, הארציקע, ס'האָט דיך ווער באַליידיקט?
ס'האָט דיך עמיץ אָנגעקוקט ווי מען טאָר ניט קוקן? —

בויג איך אויך מיין קאָפּ אַראָפּ, לאָז אַראָפּ די אויגן,
מיט אַ כמאַרנעם וואָלקנדל ווער איך אויך פאַרצויגן.

שוועסטער, ליבע, הארציקע, וואָס זאָל איך דיר מאַכן?
וואָס זאָל איך דערציילן דיר, דו זאָלסט ווידער לאַכן?

מאַמע

קליינע מאַמע איז געזעסן ביי מיין בעטל,
יונגע מאַמע האָט פאַרפלאָכטן מיר די האָר.
איצטער בלאַנדזשעט אַלטע מאַמע מיט אַ שטעקן,
גרוים איר שאָטן פאַלט אויף וועלטן-גאָר.

גרויסע מאַמע, בין איך ווידער קינד געוואָרן? ....
כ'שלאָג זיך אָפּ אָן אומגעריכטע ווענט.
צו דיין שאָטן ריים איך זיך, פאַרלאָרן, —
— אפשר זוכן גאָר דיין פאַרטאָך מיינע הענט.

מאַמע, אַלע בריקן אויפגעריסן,
אויף זיין שטח יעדער שטייט אַליין,
יעדער האָט נאָר אָרט ביי זיך צופוסן
פאַרן אייגענעם געביין...

כ'לאָז דיך, מאַמע, איבער וועלטן גיין!

די זון איז אויסגעברענט

די זון איז אויסגעברענט.
די פֿינצטער שמעקט מיט רויך...

אויף אַלע פיר זיך שטעלן, אַט אַזוי —
די ערד צו פילן מיט די הענט,
דעם וועג צו שפירן מיט דער נאָז.
מיט בלינדן טראַט זיך טאָן אַ לאָז, —
אויף גאָר דער גאָרער הוילער וועלט
דאָס אייגן בידנע שטיקל פעל...

נאָר ווי דעם חיה'שן געניק
אַ הויב טאָן אויפֿזוכן די שטערן?
ביים ליכטיק ווערן
ווי טאָן אַ בויג די ווילדע קני?

קלאָג ניט

ס׳לאָזט די ווערבע, אַ פאַרומערט קינד,
אירע צעפּלעך אויף מיין פּלייצע זינקען.
כ׳וואָלט געוואָלט איר זיין דער פרילינג-ווינט,
כ׳וואָלט געוואָלט איר ווי אַ פרילינג-פויגל זינגען:

ווערבע, קלאָג ניט, קלאָג ניט, ווען עס איז
וועלן מיר אַ הויב טאָן זיך אַ שטאַרקן
איבער זיך און איבער שכנים, איבער פאַרקן,
און זיך לאָזן יעדע ששפּרייזן ווי אַ ריז.

אונדז אַנטקעגן וועלן קומען אַלע פיר
וויטן-ברייטן: מזרח, מערב, צפון, דרום.
ס׳וועט די זון אַרוים צו דיר, אַרוים צו מיר,
אונדז פאַרבעטן אין די אויבערשטע חדרים.

וועלן מיר אַרויף צו איר, אַריין צו איר,
זיך דערקלייבן צו די יום-טוב׳דיקסטע שטראַלן.
ברייט צעעפענען די פענצטער און די טיר,
ביז צום לעצטן אויף דער ערד זיי לאָזן פאַלן...

ווערבע, קלאָג ניט, קלאָג ניט, ווען עס איז —
איבער זיך און איבער שכנים, ווי אַ ריז.

שנירלעך אַרבעס

שוואַרצע, פאַרהלשטע שטיבלעך,
געבויגט און פאַרקרימט ווי צום ברעכן...
זיי אָנקוקן צאַרט און ליבלעך?
אַ גלעט טאָן די מיאוסע דעכער?

זיי אַ שאַר טאָן, אַ הויב טאָן צום הימל,
צו דעם זיבעטן, פרייליכן, העלן,
און, גערייט אויף אַ פאַדים, ווי דימענט,
זיי אָנטאָן דער זון פאַר קאַרעלן.

שנירלעך אַרבעס פון ווערעס צעלעכערט
אויף אַ האַלדז פון פאַרטריקנטע ביינער...
טאָן אַ פאַל צו די מיאוסע דעכער,
אויפן קול, ווי אַ קינד, זיך צעוויינען.

ווי קאָנען מיר?...

ווי קאָנען מיר ביי זיך אליין געפינען גנאָדן?
ווי קאָן אונדז ערגעץ נאָך אַ היילונג זיין באַשערט? —
ניטאָ קיין וועג צו אומקערן דעם שאָדן,
ניטאָ קיין פרייז צו מאָנען פאַר זיין ווערט.

פאַר צאָן אַ צאָן, פאַר אויג אַן אויג... וואָס קאָן דאָס מיינען? —
ניטאָ קיין צוויי פאַר גלייכע אויגן אויף דער וועלט.
צי לייזט מען אוים די קינדערשע, די ריינע
דורך מאַכן וויסט דעם מערדערס בליק, דעם מערדערס העל?

ווי נעמט מען זיי צונויף, די טויטע אברים, חושים,
ווי נעמט מען זייער לעצטע אימה איצט צונויף?
ווי הויבט מען אויף די לאַסט פון דער ירושה
און לייגט זי אויף דעם מערדערס קאָפּ ארויף?

עס וועלן דורות גיין און דורות וועלן קומען,
קינדס-קינדער וועלן זיין און מערן זיך אין צאָל.
ווי פילט מען אוים דעם בלויז פון די, וואָס ליגן שטומע
מיט קינד און שטאם אין קבר פון אַ פאָלק?

דרייסיקסטע זייט

אַ פינצטערער דור

אַ פינצטערער דור, ניט געגרייט, ניט געלערנט,
מיר זאָלן עס שאַפן אַ וועלט אויף דאָס ניי,
פון אַלע פיר עקן, פון אָפּגרונט ביז שטערן —
אַ פינצטערער דור אַזאַ ריזנגעביי.

די פיס אויף פאַרחרובטע געכטיקע גרונטן,
די קעפּ אין אַ כמאַרע פון רויך און פון אַש.
אַ פוסטקייט אין אויער פון ריטם פאַרשטומטן,
און גאָרנישט אויף מאָרגן, חוץ מורא און האַס.

אַ דור פון קרבנות, אַ דור פון גזלנים...
און צאַרט איז דער חלום, וואָס שטייגט פונם ברוך.
ווי ווייס מען דעם שפרונג אויף צו קאָנען אים מאַנען?
וואו זיינען די ליפּן צו זאָגן דעם שפרוך?

און ענג איז די ערד, קיין מדבריות פאַרבליבן
צו גיין און פאַרגיין, צווישן זאַמדן צעריבן,
אַז די, וואָס נאָך אונדז, זאָלן אויסגעלייזט ווערן...

אַ פינצטערער דור, ניט געגרייט, ניט געלערנט —
צי קאָנען מיר גרייכן פון אָפּגרונט ביז שטערן?

אײן און דרײסיקסטע זײט

ערגעץ . . .

שווער צו באַנעמען עס, שווער צו באַגרײַפֿן:
ערגעץ־וואו ווײַט, אונטער זוניקע שטרײַפֿן,
שטײט אַ פֿלאַמינגאָ. די צירלעכע פֿיסלעך —
אײנס אויף דער ערד און דאָס צווײטע פֿאַרריסן.
שטײט ווי פֿאַרצויבערט און קלאָר זײַן געמיט,
רו אין זײַן פֿעדער און רו אין זײַן גליד.

ערגעץ־וואו נאָנט, צווישן גראָזן
און גרינסן
שטײט זיך אַ בלימל פֿון פֿוך פֿון פֿונעם דינסטן,
פֿויגלשער אָטעם וועט, דאַכט, עס צעבלאָזן.
שטײט עס זיך זיכער אין בלימלשן כּוח,
פֿויגל? וואָס פֿויגל? — דער הימל איז הויך.

ערגעץ... וואו ערגעץ? — די ערד קאָן זיך מערן.
אפֿשר וועט פֿאַלן פֿון הימל אַ שטערן
און ווי אַ לאַנד זיך צעלײגן אין ים.
פּשוטע, ציכטיקע, ציכטיקע ברעגן...
לעבן אָן שטופּעניש, לעבן אָן פֿרעגן.
לעבן זיך סתם...